# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 25 • דאנערשטאג, ו' שבט תשפ"ז • 14טן יאנואר 2027 • פרשת בא

הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים

שמות יב, ב

**אין דעם נומער**

**„ויקרא למשה ולאהרן לילה“**
קאך_לעפל • לכבוד שבת

**רבינו תם'ס תפילין**
הלכה־שמועס

**רבי דוד פון לעלוב**
בונעס איירעס • אנשי שם

**„חודש“ אדער „ירח“?**
א שמועס אויף דער סדרה

**וואס איז דאס חמץ?**
היימישער ליטוואק • וויסנשאפט

**די געשיכטע מיטן קרבן פסח**
דיכטער • הומאר

# ארכיוו

נומער 25 • דאנערשטאג, ו' שבט תשפ"ז
14טן יאנואר 2027 • פרשת בא


**הקדמה**

# „החודש הזה לכם“

טייערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת בא. די לעצטע דריי מכות – ארבה, חושך און מכת בכורות – פאלן אויף מצרים, און אינמיטן דער נאכט רופט פרעה משה און אהרן און לאזט ארויס די אידן. ביי דער ערשטער מצוה וואס כלל ישראל באקומט, „החודש הזה לכם“, ווייזט דער אייבערשטער משה'ן די לבנה, און די סדרה ברענגט אויך דעם קרבן פסח, די מצות און די פרשיות פון די תפילין.

אין אונזער הויפט־ארטיקל לערנט „קאך_לעפל“ פון קאווע שטיבל אפ דעם רמב"ן אויף יענער נאכט: ווען זענען די אידן באפרייט געווארן, און ווען זענען זיי ארויס? דערנאך שטעלט ער דאס צו צו א צווייטער עמאנציפאציע, דריי טויזנט יאר שפעטער, אין אמעריקע. אויף היידפארק האט מען אין תשס"ו געפרעגט וואס איז דער חילוק צווישן „חודש“ און „ירח“, פארוואס די הינט האבן נישט געבילט, און וויפיל פראצענט פון די אידן פרעה האט געוואלט ארויסלאזן. אין „הלכה־שמועס“ קריגט מען זיך אויף רבינו תם'ס תפילין: א חיוב, א מנהג, אדער א חומרא וואס ווערט א קולא? און אין „תורה און וויסנשאפט“ פרעגט מען: וואס איז דאס חמץ – א כעמישע ענדערונג אינעם טייג, אדער א הלכה'דיגע הגדרה?

מארגן, פרייטאג ז' שבט, איז די יארצייט פון רבי דוד'ל פון לעלוב, און „בונעס איירעס“ דערציילט פון זיין אהבת ישראל. „דיכטער“ שיקט אונז קיין ירושלים, צו ר' יחיאל'ן, וואס זוכט ערב פסח א שניי־ווייסן שעפסל. דערצו קומען די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך“, „פערל פון די ארכיוון“, „היינט מיט . . . יאר צוריק“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „ויקרא למשה ולאהרן לילה“ – צוויי עמאנציפאציעס • קאך_לעפל | **3** |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „חודש“ אדער „ירח“? הינט וואס בילן נישט, און „מי ומי ההולכים“ • אבזורווירער, קרעמער, mates1, גראף און משהוואלף | **6** |
| **הלכה־שמועס** | רבינו תם'ס תפילין – א חיוב, א מנהג, אדער א חומרא וואס ווערט א קולא? • זר זהב, דולה ומשקה, איחוד פעלד, ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע | **7** |
| **תורה און וויסנשאפט** | וואס איז דאס חמץ? א כעמישע מציאות אדער א לומד'ישער דין • היימישער ליטוואק, יידל, בדחן, יאיר און אנדערע | **10** |
| **אנשי שם • צו ז' שבט** | רבי דוד פון לעלוב – „איך שפיר נאך נישט די ריכטיגע אהבת ישראל“ • בונעס איירעס | **13** |
| **הומאר** | די געשיכטע מיטן קרבן פסח • דיכטער | **14** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **16** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | **20** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **21** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • שבת אחים | **23** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **24** |

לכבוד שבת קודש

# „ויקרא למשה ולאהרן לילה“ — צוויי עמאנציפאציעס

אין אונזער סדרה רופט פרעה אינמיטן דער נאכט משה און אהרן און לאזט ארויס די אידן. „קאך_לעפל“ האט אין קאווע שטיבל אין חורף תש"פ (ער האט עס געשריבן אין דער וואך פון פרשת משפטים) אפגעלערנט דעם רמב"ן אויף יענער נאכט – און דאס צוגעשטעלט צו א צווייטער עמאנציפאציע, דריי טויזנט יאר שפעטער, אין אמעריקע.

פון **קאך_לעפל** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „דער אינטערשיד פון די עמאנציפאציע אין עגיפטן און פון אמעריקע“ • 20סטן פעברואר 2020
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13594.html#p443213

די וואך גייט פרשת משפטים. דאס אידיש פאלק באשעפטיגט זיך, אין די הארבע הלכות פון האלטן שקלאפן, און פון באפרייען שקלאפן, הלכות וועלכע זענען מערסטייל געווען אקטועל בלויז אין די צייטן וואס דאס אידיש פאלק האט פארמאגט א זעלבסטשטענדיג קעניגרייך אין ארץ ישראל.

מיר געפונען אין דער היסטאריע צוויי פעלער ווען מאכטפולע רעגירונגען האבן געשאנקען עמאנציפאציע פאר אלע שקלאפן אין זייער לענדער. דאס ערשטע איז זיך פארלאפן אין יאר ב"א תמ"ח לפ"ק. און דאס צווייטע אין די צייטן פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע אין יאר ה"א תרכ"ג לפ"ק. דאס ערשטע אינעם וויטן אפריקע און דאס צווייטע אין דעם וואונדערליכן לאנד פון קלאמבוס. דער אינטערשיד און די נאכפאלגן צווישן די צוויי עמאנציפאציעס זענען גאר אינטערסאנט. לאמיר דאס עטוואס אנעליזירן לויטן היינטיגן פערספעקטיוו.

מיר געפונען אין דער תורה אז דאס אידיש פאלק איז ארויס פון מצרים פסח אויף דער נאכט, און אויף א צווייטן ארט אין דער תורה געפונען מיר אז די אידן זענען ערשט ארויס פון מצרים פסח אינדערפרי אין מיטן סאמען העלן טאג. אלזא? ווען זענען די אידן ווירקליך ארויס פון מצרים? בייטאג אדער ביינאכט?

ווי עס שיינט האט דער דאזיגער קאנטראסט שטארק געעגבערט פארן הייליגן רמב"ן. אין רעזולטאט האט ער אפגעלערענט די געשענענישן אין מצרים יענער פארכטיגער נאכט ווי פאלגענד:

פסח ביינאכט זענען משה און אהרן געבליבן נעכטיגן אינעם זעלבן באצירק וואו דער קייזערליכער פאלאץ האט זיך געפונען. ווארום זיי האבן גוט געוויסט אז פרעה וועט קומען צו לויפן צו זיי אין מיטן די נאכט. ווען דער שווארצער שלאק האט באפאלן עגיפטן און אלע ערשט-געבוירענע האבן אנגעהויבן מאסנוויז אויסצופייגערן - איז פרעה נאך אנגעקליידעט מיטן ווייסן שלאף קאפל געקומען צו לויפן צו משה און אהרן. פרעה איז געווען היסטעריש ווי קיינמאל פריער. ער האט דארט אויפן ארט פראקלאמירט עמאנציפאציע און באפרייט די אידן פון שקלאפעריי. עפעקטיוו פון איצט זיי באקומען פולשטענדיגע גלייכבארעכטיגונג - האט דער צושטורעמטער פרעה פראקלאמירט.

משה און אהרן האבן זיך געפונען אין א שטיקל פארגעלעגנהייט, נעמליך, זיי זענען נישט געווען ערלויבט זיך צו דרייען אין די גאסן, ווארום די שווארצע חברה האבן זיך דאן געדרייט אין די עגיפטישע גאסן און געזייעט חורבן און טויט. אלזא וואס טוט מען? ווער וועט גיין אנזאגן פאר די אידן אין גשן די גינסטיגע נייעס איבער זייער עמאנציפאציע? זאגט דער רמב"ן אז משה און אהרן האבן געשיקט א הובער צום באצירק וואו די אידן האבן געוואוינט אין גשן, זיי צו אינפארמירן איבער דער העכסט פאזיטיווער אנטוויקלונג.

די אויסטערלישע פרייד וועלכע האט באהערשט די לאנגיעריגע פארשקלאפטע איז זיך גארנישט געווען פארצושטעלן. ביינאכט זענען די אידן טאקע נישט געווען ערלויבט ארויסצוגיין פון זייערע הייזער, זאגאר גלייך אין אינדערפרי ביים בעגינען, נאך איידער די אויפשיינענדע זון האט זיך באוויזן העכער די מייעסטעטישע פיראמידן, האבן זיך די אידן מאסנוויז ארויסגעלאזט אויפן וועג פון גשן קיין רעמסס, און פון דארט זענען זיי גענצליך ארויסגעטריבן געווארן פון לאנד דורך די בייזע עגיפטער...

**ביינאכט זענען די אידן באפרייט געווארן פון זייער שקלאפעריי ... פארלאזט דאס לאנד האבן זיי ערשט דעם אנדערן טאג אינדערפרי**

לויט דעם קומט אויס, אז ביינאכט זענען די אידן באפרייט געווארן פון זייער שקלאפעריי, דאס ווערט פיליכט אויך אנגערופן א יציאת מצרים, זאגאר פארלאזט דאס לאנד האבן זיי ערשט דעם אנדערן טאג אינדערפרי, ביידע פסוקים זענען ריכטיג.

*

מיט איבער דריי טויזנט יאר שפעטער...

פאסירט האט דאס אין יאר תרכ"ג. אמעריקע איז דאן געווען פארוויקלט אין א בלוטיגער בירגער קריג, די דרום און די צפון שטאטן האבן העפטיג געקעמפט צווישן זיך, די לאגע איז טאקע געווען האפענונגלאז, אבער איין מענטש האט נישט פארלוירן זיין האפענונג, דאס איז געווען נישט קיין צווייטער ווי דער אנשטענדיגער אברהם. דער טשיף קאמאנדיר פון די צפון מיליטערישע קרעפטן, פרעזידענט לינקלאן, האט קיינמאל נישט פארלוירן האפענונג, ער האט געהאלטן אז גערעכטיקייט איבער נישט-גערעכטיקייט וועט ענדגילטיג זיגן, און אזוי האט טאקע ווירקליך פאסירט.

אין דער סאמע ברען פון די שלאכטן האט לינקלאן דורכגעפירט א פרעצעדענטלאזע שריט, ער האט געשאנקען עמאנציפאציע פאר די נאנט צו פיר מיליאן שווארצע שקלאפן אין די פאראייניגטע שטאטן! אין דער ווירקליכקייט איז דאס בלויז געווען א סימבאלישער אקט, עס האט נישט געטראגן קיין שום לעגאל געוויכט. ערשט שפעטער אין יאר תרכ"ה איז עמטליך אריינגעשטעלט געווארן אין דער קאנסטעטוציע די פאלגענדע צוויי ענדערונגען:

- נישט קיין שקלאפעריי אדער געצווינגענע קנעכטשאפט, אויסגעשלאסן אלס א שטראף פאר א פארברעך, פאראורטיילט אין איינקלאנג לויטן געזעץ, זאל זיין ערלויבט אין די פאראייניגטע שטאטן. אדער אין אן ארט אונטער איר יוריסדיקציע.
- קאנגרעס זאל האבן די מאכט צו אינפארסירן די דאזיגע ענדערונג מיט דער פאסיגער לעגיסלאציע.

מיט דעם איז שקלאפעריי עמטליך פארבאטן געווארן אין די פאראייניגטע שטאטן, דאס האט באדייט אז אלע שקלאפן זענען לויטן געזעץ באפרייט געווארן. דאס דורכצופירן האט פאר לינקלאן שפעטער געקאסט דאס לעבן. און נישט ווי די עמאנציפאציע אין עגיפטן, זענען די באפרייטע שקלאפן געווען ערלויבט צו פארבלייבן אין לאנד, זיי זענען נישט ארויסגעטריבן געווארן איבערנאכט ווי די באפרייטע שקלאפן אין עגיפטן. ווארום די עמאנציפאציע אין עגיפטן איז דורכגעפירט געווארן אונטער דעם אויסטערלישן דרוק פון צען מעכטיגע מכות, וועלכע האבן גענצליך פארקריפלט די אקאנאמיע, די טראנספארטאציע, און עס האט אפילו געקאסט מענטשליכע לעבנס, דאקעגן די עמאנציפאציע אין די פאראייניגטע שטאטן איז צושטאנד געקומען צוליב די נאבאלע אידעאלן פונעם אנשטענדיגן אברהם...

**פרייהייט קומט פון ג-ט זעלבסט, דערפאר איז נישט פארהאן קיין שום מענטשליכער מאכט אין דער וועלט וואס האט די מעגליכקייט דאס צו בארויבן**

פרעזידענט לינקלאן האט טיף געגלייבט, אז פרייהייט איז א פונדאמענטאל רעכט פון א מענטש. פרייהייט קומט פון ג-ט זעלבסט, דערפאר איז נישט פארהאן קיין שום מענטשליכער מאכט אין דער וועלט וואס האט די מעגליכקייט דאס צו בארויבן. אפגעזען וואס פאר א קאליר הויט דער מענטש פארמאגט אדער ראסע ער געהערט...

ער פלעגט שטענדיג זאגן: די דאזיגע וועלכע פארלייקענען פרייהייט פאר אנדערע, פארדינען עס נישט זעלבסט, און אונטער דער פירערשאפט פונעם רעכטיגן ג-ט וועלן זיי עס נישט קענען אנהאלטן פאר לאנג...

ווי הייליג זענען די דאזיגע ווערטער...

## דער רמב"ן אין פרשת בא

דעם אנדערן טאג האט „קאך_לעפל“ צוגעלייגט דעם מקור, שמות יב, לא („אט האט איר זיין הייליג לשון“):

"ויקרא למשה ולאהרן לילה" – מגיד שהיה מחזר על פתחי העיר וצועק היכן משה שרוי היכן אהרן שרוי לשון רש"י והיה זה כי משה ואהרן לנו במצרים בלילה ההוא לקיים דבריו שאמר (לעיל יא ח) וירדו כל עבדיך אלה אלי והשתחוו לי לאמר ובבא פרעה אליהם שלחו מלאכים אל ארץ גשן אשר שם בני ישראל לתת להם רשות לצאת ונאספו כלם ברעמסס והיה יום גדול ומשם נסעו ביד רמה ומשה בראשם כמו שנאמר (במדבר לג ג) ויסעו מרעמסס בחדש הראשון בחמשה עשר יום לחדש ממחרת הפסח יצאו בני ישראל ביד רמה לעיני כל מצרים והכתוב שאמר (דברים טז א) הוציאך ה' אלהיך ממצרים לילה כי מעת שפטרם פרעה יקראו יוצאים וכך אמרו בספרי (ראה קכח) והלא לא יצאו אלא ביום שנאמר (במדבר לג ג) ממחרת הפסח יצאו בני ישראל אלא מלמד שנגאלו מבלילה ובגמרא במסכת ברכות (ט) הכל מודים כשנגאלו לא נגאלו אלא בלילה שנאמר (דברים טז א) הוציאך ה' אלהיך ממצרים לילה וכשיצאו לא יצאו אלא ביום שנאמר ממחרת הפסח יצאו בני ישראל ביד רמה לעיני כל מצרים [פארקירצט]

קאווע שטיבל • 21סטן פעברואר 2020

שמועסן אויף דער סדרה

# „חודש“ אדער „ירח“? הינט וואס בילן נישט, און „מי ומי ההולכים“

אין דער וואך פון פרשת בא תשס"ו האט „אבזרוּוירער“ געעפנט דעם אשכול אויף היידפארק מיט א קשיא אויף קידוש החודש. „קרעמער“ האט צוגעלייגט דריי קשיות מיט תירוצים פונעם רא"ש, און א גימטריא האט זיך גלייך אויסגעדרייט אויף דער אנדערער זייט. א וואך שפעטער איז געקומען דער תירוץ.

פון **אבזרוּוירער, קרעמער, mates1, גראף און משהוואלף** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

היידפארק • היימישע קרעטשמע • „פרשת בא“ • 29סטן יאנואר – 5טן פעברואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1784887.html#p-1784887

**אבזרוּוירער** • 29סטן יאנואר 2006

איך זע אז קיינער האט נאכנישט געעפנט קיין אשכול אויף דער וואך, וועל איך זיין דער מתחיל במצוה.

די וואך לערנען מיר פון קידוש החודש. וואלט איך געוואלט פרעגן אויב איינער ווייסט דעם חילוק פון „חדש“ און „ירח“. ביידע באדייטן לכאורה א מאנאט, אלזא וואס איז די נפקא מינה צווישן די צוויי אויסדרוקן? [פארקירצט]

**קרעמער** • 29סטן יאנואר 2006

אינטערסאנטע זאכן פון דער סדרה:

פארוואס זענען דתן ואבירם נישט געשטארבן צוגלייך מיט אלע אנדערע רשעים וואס זענען אויסגעשטארבן ביי די שלשת ימי אפילה? ענטפערט דער רא"ש: ווייל „זיי האבן זיך קיינמאל נישט מייאש געווען פון דער גאולה“!

וואס איז די קונץ אז די הינט האבן נישט געבילט ביי יציאת מצרים (אז דער פסוק מאכט אן עסק פון „ולא יחרץ כלב לשונו“)? זאגט דער רא"ש: ווייל דער סדר איז אז ווען דער מלאך המות קומט אין שטאט, טוען די הונט שרייען (ב"ק ס:), און יענע נאכט איז דער מלאך המות געווען אין מצרים צו שלאגן די בכורים, און דאך האבן זיי נישט געבילט.

פארוואס האט השי"ת באפוילן אז מען זאל דעם קרבן פסח נישט קאכן, נאר בראטן? זאגט דער רא"ש: ווייל ווען מען קאכט גייט נישט ארויף אזא שטארקע גערוך ווי ביים בראטן, און השי"ת האט געוואלט אז די גערוך פון דעם קרבן פסח זאל אריינדרינגען אין די נאזלעכער פון די מצריים על אפם ועל חמתם!

**mates1** • 29סטן יאנואר 2006

כ'האב אמאל געהערט א שיין ווארט פון דער וואכעדיגער סדרה (ליידער געדענק איך נישט דעם מקור).

„ויאמר פרעה מי ומי ההולכים, ויאמר משה בנערינו ובזקנינו נלך“.

„מי“ איז בגימטריא 50, „נלך“ איז בגימטריא 100. פרעה האט געזאגט „מי“ ההולכים, דהיינו: בלויז 50% פון אייך וועלן ארויסגיין פון מצרים; און משה רבינו האט געזאגט „נלך“, דהיינו: מיר וועלן ארויס מיט אלע 100%.

**גראף** • 29סטן יאנואר 2006

יישר כח ערעב מאטעס פאר דעם שיינעם ווארט. אבער אזוי ווי עס שטייט „מי ומי ההולכים“, צוויי מאל „מי“ איז דאך ווידער הונדערט, מוז מען טייטשן אזוי: פרעה האט געזאגט „מי“ ו„מי“ ההולכים – עס איז נאר א „פופציג/פופציג“ פראצענט שאנס אז איר וועט ארויסגיין. אבער משה האט געזאגט: מיר זענען „נלך“, הונדערט פראצענט פאזיטיוו אז מיר וועלן ארויסגיין.

**משהוואלף** • 30סטן יאנואר 2006

דאס איז שוין אן אייגנס. נו, פארוואס נישט ארויסגעבן א קונטרס אדער א ספר, „דברי הגראף“ אדער „גראף וחידושיו“? נישט קיין חילוק, זאל עס הייסן וויאזוי דו ווילסט [אפשר האסטו עפעס א גימטריא]. איך מיין ס'וועט זיין א גרויסער פארלאנג דערפאר.

**אבזרווירער** • 5טן פעברואר 2006

תירוצים אויף מיין אנפראגע:

ברבינו בחיי (שמות ב, ב, ודברים לא, ב) מבואר שיש חילוק בין 'חודש' ל'ירח', ותוכן דבריו אלו הם: ירחים הם חדשי הלבנה [וכן כ' ראב"ע (דברים כא, יג) וז"ל: נקרא החודש ירח, כי עיקרו הירח עכ"ל], והם מוסיפין וגורעין, א' מלא וא' חסר, וחדשים היינו חלק אחד מי"ב בשנה, ואינן מוסיפים ולא גורעים עכת"ד. אמנם אין כוונתו דחדשי החמה באמת נקראים 'חודש', דהלא אצל השמש לא שייך חידוש כלל, אלא הוא לשון מושאל, כמ"ש האבן עזרא (שמות יב, ב) וז"ל: והנה אין ללבנה שנה כלל, כאשר אין לשמש חודש כלל, כי לא יתחדש בשמש דבר, רק דבר החדוש הוא לאור הלבנה, ובעבור זה נקרא 'חודש' גם 'ירח' בעבור חדוש אור הלבנה וכו', ובעבור ששנת העמים קרובה אל שנת החמה, וראו ששתים עשרה פעמים תתחדש הלבנה בשנת החמה, חלקו ימי השנה על שנים עשר, וקראו לכל חלק 'חודש' בעבור שהוא קרוב מימות חודש הלבנה עכ"ל.

---

**הלכה־שמועס**

# רבינו תם'ס תפילין — א חיוב, א מנהג, אדער א חומרא וואס ווערט א קולא?

צוויי פון די פיר פרשיות אין די תפילין – „קדש לי כל בכור“ און „והיה כי יביאך“ – שטייען אין אונזער סדרה, און אויף זייער סדר אין די בתים קריגן זיך רש"י און רבינו תם. אין קאווע שטיבל האט „זר זהב“ אין תשע"ב געפרעגט צי מ'מוז לייגן רבינו תם'ס תפילין; פיר יאר שפעטער האט זיך דער שמועס ווידער אויפגעכאפט.

פון **זר זהב, דולה ומשקה, איחוד פעלד, ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „תפילין דר"ת“ • 11טן יולי 2012 – 21סטן אויגוסט 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1057.html#p23251

---

**זר זהב** • 11טן יולי 2012

איך בין שוין חתונה געהאט היפש אפאר יאר און נאך קיינמאל נישט אנגעטון ר"ת תפילין. די ריזען איז איך דענק ערגעץ האב איך געהערט אז אויב לייגט מען עס איינמאל מוז מען שוין לייגן יעדן טאג, דאס האט מיר אפגעשראקן, איך טראסט מיר נישט אז איך וועל איין טאג פארגעסן אדער סתם נישט האבן קיין נערוועןולמה לי ולצרה הזאת? איך דאווען נישט יעדן טאג שחרית מיט א מנין אז איך זאל האבן ליידיג צייט ביי הויכע שומענעשרע צו לייגן ר"ת, מילא האב איך קיינמאל נישט אנגעהויבן.

לויט וויאזוי איך האב פארשטאנען איז עס נישט ממש א חיוב, ווייל א חבר האב איך וואס זיין פאטער איז ארעם און קיין ר"ת'ס תפילין האט ער פאר זיין זון נישט געקויפט איז לייגט ער נישט קיין ר"ת. אויב וואלט עס געווען א חיוב וואסערע טערעץ איז דאס אז דו האסט נישט? מילא איז געדרינגען (פון מיין חבר) אז ס'נישט קיין חיוב!

וואס זאגט דער עולם לגבי ר"ת? איז עס א מאסט? יעדער לייגט טאקע? ביטע קאמענטירן.

**דולה ומשקה** • 11טן יולי 2012

[פארקירצט] אין בעלז איז מען זיך נוהג ערשט אנצוטון תפילין דרבינו תם נאך דער שנה ראשונה.

ווען רבינו תם וואלט ווען געווען א חיוב פונקט ווי רש"י, וואלט דאס יעדער באקומען צו זייער בר מצוה (דאכצעך דינוב, מונקאטש, ליבאוויטש, זידיטשוב־קאמארנא הייבן אן צו לייגן רבינו תם תפילין ביי דער בר מצוה).

רבי משה פיינשטיין האט כל ימיו נישט געלייגט קיין רבינו תם תפילין, פונקט אזוי ווי ער האט נישט אנגעטון קיין שימושא רבה, ביז צוליב א מעשה, ווען דער ליבאוויטשער רבי האט אים געשיקט א פאר רבינו תם'ס תפילין, האט ער דאס אנגעהויבן אנצוטון, בסוף ימיו.

**שרגא** • 11טן יולי 2012

סתם פאר אינטערעסאנטקייט, די עלטסטע תפילין וואס מען האט געטראפן איז ווי רבינו תם'ס.

**שמיטה** • 11טן יולי 2012

לפי ידיעתי, אויב מען נעמט זיך בפירוש אויס „בלי נדר" ווען מען הייבט אן, איז עס אזוי ווי אלע אנדערע קבלות והנהגות טובות.

באופן כללי, צי ס'איז א חיוב: אויב אונזערע עלטערן און רבי'ס האבן זיך אזוי געפירט, איז מן הסתם א חיוב ווייטער אנצוהאלטן זייערע דרכים.

**משולם שטיינפעלד** • 11טן יולי 2012

[פארקירצט] די פלעצער וואס דו רעכנסט אויס האלטן טאקע אז עס איז דער זעלבער חיוב ווי רש"י תפילין. דער קאמארנער זאגט אז איינער וואס לייגט נישט קיין ר"ת תפילין איז קרקפתא דלא מנח תפילין. (וידוע מה שהשיב ע"ז אחד מגדולי זמנו, שר"ת גם כן סבר שמי שלא מניח תפילין כשיטתו הוא קרקפתא דלא מנח תפילין....)

**איחוד פעלד** • 16טן יולי 2012

די אלע וואס לייגן נישט ר"ת ווייסן גארנישט וואס זיי פארלירן.

טעמו וראו כי טוב.

לערענט אדורך די סוגיא וועט איר זען אז די ר"ת איז שטיקעל גערעכט. וועט איר שוין וועלן לייגן ר"ת.

**קאווע טרינקער** • 16טן יולי 2012

עם הארץ וואס דו ביסט........ סליחה. אונזער ר"ת תפילין איז בכלל נישט אויסגעהאלטן לויטן רבינו תם זעלבסט.........הא הא

**קאווע טרינקער** • 19טן יולי 2012

נאר דער סדר הפרשיות זענען לויט ר"ת
די בתים לויט רבנו תם קומט עפעס די אנדערע וועג, ליגנדיג

**איחוד פעלד** • 21סטן יולי 2012

[פארקירצט] לאמיר זאגן אז ביסט גערעכט, איז וואס? לויט דעם רבינו תם דארף טאקע די פרשיות זיין ליגנדיג, אבער עס פסול'ט נישט די תפילין, עיין שערי תשובה בשם דעם נודע ביהודה. די שיטה פון רבינו תם אין דער גמרא שטימט בעסער. אז דו ווילסט, וועל איך שרייבן פארוואס.

**טייערע ברודער** • 7טן יולי 2016

[פארקירצט] חסידים האבן געהאלטן אז ר"ת איז אזא חיוב פונקט ווי רש"י'ס תפילין. מ'האט שוין דערמאנט אז לויט ר"ת אליינס וואלט די תפילין געווען פסול, אבער דער חילוק פון סדר הפרשיות ווערט שוין דערמאנט אין זוהר הק', און דערפאר איז מען מקפיד.

גרויסע תפילין איז אן אלטמאדישער וועג פון מאכן בתים. אה"נ, דער משנה ברורה איז נישט אזוי צופרידן מיט דעם.

**ציבעלע-קיגל** • 7טן יולי 2016

אז מען רעדט שוין פון ר"ת תפילין...

אמאל איז אריינגעקומען א אידל אין בית המדרש און פארגעסן זיינע תפילין. אויפן טיש זענען געלעגן א פאר תפילין, ער גיט עס א כאפ און וויל אנפאנגען לייגן.

רופט זיך אן איינער: „עס איז רבינו תם'ס תפילין!"

זאגט ער: „זארג זיך נישט, איך דאווען שנעל. ביז רבינו תם וועט צוריקקומען, וועל איך שוין זיין לאנג פארטיג."

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 7טן יולי 2016

הרב משה פיינשטיין שרייבט, דוכט זיך, אז רבינו תם'ס טוט ער נאר אן ווען ס'איז געוצליך מהודר, אזוי ווי ער האט געהאט אין רוסלאנד, הגם ער און זיין טאטע האבן זיך אלס געפירט כמנהג הגר"א. אין אמעריקע האט ער קיין איבעריגע געלט נישט געהאט (!) און דעריבער האט ער עס נישט געקויפט. כא. ווען ער האט יא געהאט, האט ער געקויפט.

די „חומרא" פון ר"ת איז ליידער פארוואנדלט געווארן אין א קולא, ווען מ'איז מוותר אויף רש"י דערפאר. דאס אויסטון די רש"י'ס אינמיטן דאווענען כדי אנצוטון ר"ת'ס איז לכאורה קעגן דעם שכל, לויט דער געפסק'נטער הלכה ווי רש"י.

**נהורא נפישא** • 7טן יולי 2016

וואס הייסט אינמיטן דאווענען? אינמיטן שטילע שמונה עשרה?

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 7טן יולי 2016

ניין, פאר עלינו. ווען נישט פאר ר"ת'ס תפילין, וואלט מען געזעסן לענגער מיט רש"י'ס תפילין. ממילא, אז מ'לייגט רש"י'ס תפילין נארמאל און דערנאך לייגט מען צו ר"ת'ס תפילין, איז עס נאר א חומרא. יעצט איז עס א קולא, אז מ'לייגט רש"י תפילין וויניגער צוליב דער „חומרא".

**שלום על ישראל** • 7טן יולי 2016

דער מחבר (או"ח, כ"ה, י"ג) זאגט אז מ'פירט זיך צו בלייבן מיט די תפילין ביז נאכן קדיש שאחר ובל"צ (אדער נאכן צוריקלייגן די ס"ת ביום קרס"ת). געוויסע גדולים זענען געווען קעגן בלייבן מיט די תפילין צו לאנג, משום חשש גוף נקי.

**נהורא נפישא** • 7טן יולי 2016

זאגסט נישט קיין דברים של טעם. מ'מיינט עפעס דעם כבוד פון רש"י מיט א סקעדזשועל? מ'מיינט דא צו זיין מעוטף בטלית ותפילין דורכאויס דעם גאנצן סדר התפילה. למעשה האבן חסידים איינגעפירט אז די המון עם וואס לייגט ר"ת תפילין לייגט דאס נאך שמו"ע, וואס איז די עיקר תפילה.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 7טן יולי 2016

יעדע מינוט וואס מ'גייט מיט תפילין איז א מצוה. מוותר זיין אויף תפילין פאר א זאך וואס מעיקר הדין איז סתם שווארצע קאסטענעס, האט נישט קיין פשט. ווילסט חושש זיין? פיין. אבער נישט ממעט זיין אינעם עיקר מצוה.

ס'איז ווי דער בני ברק'ער וואס האט געהאלטן א סוד זיין אביון מהודר אום פורים, כדי מ'זאל אים נישט אנשטאפן מיט געלט און מאכן אויס אביון!

**נהורא נפישא** • 7טן יולי 2016

יעדע מינוט איז א מצוה, אבער ס'דארף זיין א באלאנס, חז"ל האבן מבטל געווען דאס גיין א גאנצן טאג, און נאכאמאל קיינער רעדט נישט פון מינוטן מ'רעדט דא פון א סדר התפילה.
מעיקר דינא דגמרא האט תפילין ניטאמאל שייכות צום דאווענען נאר צו קר"ש.

**איש חזון** • 21סטן אויגוסט 2016

[פארקירצט] טראכט אריין אין וואס דו שרייבסט דא: וואס גייט אונז אן אז לויט דעם גברא „רבינו יעקב תם" איז מען נישט יוצא מיט דער מצות תפילין? מיר זוכן נישט יוצא צו זיין פאר דעם „בעל השיטה", נאר מיר זענען חושש צו זיין שיטה בענין סדר הפרשיות.

**תורה און וויסנשאפט**

# וואס איז דאס חמץ? א בעמישע מציאות אדער א לומד'ישער דין

„כל מחמצת לא תאכלו“ (שמות יב, כ) – אבער וואס איז חמץ? „היימישער ליטוואק“ האט אין קאווע שטיבל, א חודש פאר פסח תשע"ג, געשטעלט א חקירה: איז חמץ א פיזישע ענדערונג אינעם טייג, וואס מען קען זען און מעסטן, אדער א הלכה'דיגע הגדרה? און וואס טוט זיך ביי אכצן מינוט?

פון **היימישער ליטוואק, יידל, בדחן, יאיר און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „וואס איז דאס חמץ?“ • 6טן–13טן מערץ 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3137.html#p93916

---

**היימישער ליטוואק** • 6טן מערץ 2013

איז חמץ א מציאות, א לומד'ישע זאך אדערביידע אינאיינעם?

א. איז עס א מציאות, דהיינו עס געשעט פיזיאלאגישע ענדערונגען אין דעם טייג, אזוי ארום אז עס ווערט אן אנדערער חפצא וואס הייסט "חמץ".
די פארדינסט פון דעם איז אז מיר קענען פארשטיין פארוואס פארשידענע מינים ווערן נישט חמץ'דיג, למשל, אורז ודוחן, להחולקים על ר"י בן נורי.
אבער נאך אלץ ווען מיר דארפן קלארשטעלן וואס פונקטליך איז דער שינוי וואס דעפינירט די מציאות פון חמץ.

ב. א לומדישע זאך, מיינט, גזירת הכתוב אז ווען א טייג ליגט באופן כזה, לסכום שעות, וכו' באקומט דאס א "דין" חמץ.
לאור זה וועלן מיר קענען פארשטיין פארשידענע הלכות וועלכע וואלטן לכאורה זיך געדארפן וועגדן לפי המקום והמצב, למשל שיעור חימוץ, מים שלנו, חום התנור וכו'.
און אפילו מיר וועלן ערצייגן א גדר פון חימוץ ביי אורז ודוחן, איז דאס נישט קיין חמץ ווייל נישט פון דעם האט די תורה גערעדט. און עס איז מעגליך צו זאגן אז אין א געוויסע מצה עסזיסטירט די מציאות פון חימוץ, נאר פונדעסטוועגן, אויב האט מען איר ערצייגט כפי כללי ההלכה איז דאס על פי תורה קיין חמץ.

ג.ביידע אינאיינעם. ואם אחת מהנה לא יעשה לה, איז דאס נישט קיין חמץ. אדער קען מען זאגן להיפוך ממש, אז איינס פון די צוויי איז שוין גענוג אויף צו שאפן דעם שם "חמץ".

ביטע זאגט אייערע מיינונגען און ראיות לכאן ולכאן.

**היימישער ליטוואק** • 6טן מערץ 2013

דארף מען דן זיין איז דאס די מציאות פון 1) ווערן אויפגעבלאזן, אדער 2) ווערן אנגעהייצט אדער גאר 3) דער פאקט אז דער טייג שטעלט זיך נישט אנטקעגן די באצילן וועלכע ווילן אים אויסצוהען.

**בדחן** • 7טן מערץ 2013

קענסט דאך זען מיט די אייגענע אויגן ווי אזוי א טייג יערט און ווערט אויפגעבלאזן,
עס הייבט אן יערן פון 18 מינוט אפילו מען ארבייט דערמיט,

**יידל** • 7טן מערץ 2013

עס הייבט אן יערן פריער פון 18 מינוט. און אויב ארבעט מען מיט עס אן אויפהער קען מען עס צוריקהאלטן פון יערן אפילו נאך 18 מינוט. כמדומני אז אין איינע פון די ראשונים אדער גדולי האחרונים איז קלאר מבואר אז 18 מינוט איז נישט מער ווי דער גדר מיט וועלכע מ'האט מגדיר געווען חמץ - א.א.וו עס איז נישט מער ווי א 'לומד'ישער' מושג (כ'גלייך נישט דעם נאמען, נאר אז דער פותח האשכול האט גענוצט די ווערטער וועל איך סטיקן דערצו).

**יאיר** • 7טן מערץ 2013

ליטוואק, דיין צווייטער צד איז אז דער טייג דארף בעצם נישט ווערן אויפגעיורן כדי צו הייסן חמץ, ס'איז נאר א זייטיגע תוצאה?

**היימישער ליטוואק** • 7טן מערץ 2013

קאררעקט!

**יאיר** • 7טן מערץ 2013

און וואס וועט זיין מיט אלע חסידי'שע תורות אויף דער שייכות צווישן די אויפגעבלאזונע מצה און דעם שטן־סטרא אחרא־גאוה־כעס?

**היימישער ליטוואק** • 7טן מערץ 2013

יידל - 1. פליז דערמאן זיך, זייער אינטערסאנט פאר מיר. 2. זיי מציע אן אנדערן נאמען פאר דער שיטה.
יאיר - פארקערט, עס וועט זיין א לומד'ישע אויפגעבלאזאכטס, געגוי אזוווי דער שטן-סטרא אחרא-גאוה-כעס.

**היימישער ליטוואק** • 7טן מערץ 2013

ביטע האלטן די דזשאוקס פאר א באזונדערן אשכול, מיר זענען אין "תורה און מחשבה" אצינד!

**איחוד פעלד** • 7טן מערץ 2013

לכאורה איז אכצן מינוט ווען די חכמים האבן געזאגט אז זיי ווייסן אז עס קען ווערן חמץ. נישט אז עס איז זיכער חמץ. וצריך לבדוק בספרים.

כדי דן צו זיין די חקירה, דארפסטו ר' ליטוואק ברענגען דוגמאות פון צוויי אנדערע דינים אין דער תורה, איינס וואס איז זיכער א מציאות, און נאך איינס וואס איז זיכער א דן, כדי מען זאל קענען מאריך זיין אין דן זיין די צוויי צדדים ווי עס דארף צו זיין.

ביטע?

**יאיר** • 7טן מערץ 2013

[פארקירצט] מיט מיין פשוט'ער הבנה פארשטיי איך אז די תורה רעדט אויך אויף א פשוט'ע שפראך, צו פשוט'ע מענטשן, און די איידיע אז די תורה שרייבט כל מחמצת לא תאכלו מיינט נישט קיין זויער טייג נאר עס מיינט באמת עפעס א לומדות וואס די חכמים גייען מגדיר זיין אומקלאר טויזנט יאר שפעטער און ר' חיים גייט קומען עס קלאר מאכן צוויי טויזנט יאר דערנאך, קוקט מיר אויס אביסל ווייט.
נישקשה, פון דער חקירה כשלעצמו האב איך אויך הנאה, און איך בין שוין נייגעריג צו הערן וואס זענען די נפק"מ להלכה, איך ווייס נאר נישט צי ס'איז א באגרינדעטע חקירה.

**מאטי** • 12טן מערץ 2013

לכאורה פונעם דין אז מי פירות אינו מחמיץ איז א סימן אז ס'איז ממשותדיג חמץ הגם מ'קען זאגן אז ס'איז א גזירת הכתוב אזויווי ליטוואק האט געוואלט ענטפערן ביי אורז ודוחן
איז נישט מסתבר אז די תורה זאל סתם אזוי אויסקלייבן נאר וואסער פאר חימוץ אן א סברה, בשלמא אורז ודוחן קען מען זאגן אז ס'איז בכלל נישט ממין דגן פונקט ווי פאטעטא סטארטש וואס ס'איז נישט קיין הו"מ ס'זאל מחמיץ זיין אלא מאי איז חמץ מציאות און חז"ל האבן משער געווען אז ביי מי פירות איז נישט דא די מציאות.

**היימישער ליטוואק** • 13טן מערץ 2013

עס איז באקאנט דער טומל לגבי מעל (FLOUR) צי עס איז חמץ אדער נאר חשש חמץ. היות די דרך איז אז מען שווענקט דאס אפ מיט וואסער ביפאר מען מאלט עס.
אויב איז חמץ א מציאות, דאן איז אוממעגליך צו זאגן אז דער מעל וואס האלט זיך אזוי לאנג און ווערט נישט פארדארבן, איז נחמץ געווארן!
אויב איז דאס א דין (מעל+וואסער+שיהוי זמן=חמץ) דאן איז דאס יא חמץ.

**פונדעסטוועגןדאך** • 13טן מערץ 2013

די טייטש פון חמץ איז חימוץ, זויער. ווי קען מען טראכטן אז דאס איז עפעס א נייער דין פון זויער? אוודאי איז דאס א מציאות. מיט גדרים וואס איז נקבע בכל מקום ובכל זמן, כדי שלא לתת הדברים לשיעורים.

**יידל** • 13טן מערץ 2013

איך האב זיך נאר באצויגן צו בדחן אז עפעס פאסירט ביי 18 מינוט. חמץ איז חמץ אויב עס האט שוין מחמיץ געווען פריער און איז נישט חמץ אפילו אויב נאך 18 מינוט איז עס נאך נישט נחמץ געווארן. דער שיעור פון 18 מינוט איז נאר ביי בצק שלא נראו בו סימני חימוץ ושהה בלי עיסוק שיעור שיהלך בו אדם מיל. דאס וואס כ'האב דערמאנט אז דאס איז נאר א 'לומד'ישער' גדר ווערט דערמאנט דוכט זיך אין מגן האלף סי' תנ"ט ס"ק ב (איך זאג דוכט זיך ווייל כ'האב עס נישט נאכגעקוקט אויפן מינוט און איך שרייב דעם מראי מקום מתוך ספר ליקוט).

**נולד מאוחר** • 12טן מערץ 2013

מענין לענין, כ'האב אמאל געהערט פשט על פי עומק הפשטות, שבעת ימים שאור 'לא ימצא בבתיכם'. מיינט די תורה אז אין די ברויט באקס זאלסט נישט האבן קיין חמץ. די תורה זאגט דארט ווי דו האלטסט דיין ברויט ווארף עס ארויס פון דיין הויז. ס'איז בכלל נישט די כונה פון בודק זיין די בעד רומס.

ס'מאכט סענעס?

כ'טראכט א משל דער דאקטער זאגט פאר איינעם וואס איז עלערדזשיק צי ניס, גיי אהיים ווארף ארויס ניסלך פון דיין הויז ס'זאל זיך נישט געפינען. גייט נישט דער מענטש אהיים און טשעקט אויב אונטער די בעטן איז ניס.

אנשי שם • צו ז' שבט

# רבי דוד פון לעלוב – „איך שפיר נאך נישט די ריכטיגע אהבת ישראל“

ז' שבט – מארגן, פרייטאג – איז די יארצייט פון רבי דוד'ל פון לעלוב, דער תלמיד פונעם רבי ר' אלימלך און פונעם חוזה, באקאנט מיט זיין אהבת ישראל. „בונעס איירעס“ האט אין קאווע שטיבל, אויף דער יארצייט תשע"ג, געשריבן תולדות און מעשיות, און צוגעזאגט א סעריע פון צדיקים „אויפן טאג פון זייער יארצייט“.

פון **בונעס איירעס** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • אנשי שם • „היינט איז די יארצייט פון רבי...זי"ע אביסל תולדות און א סיפור“ • 17טן יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2759.html#p80671

לאמיר אביסל פראבירן שרייבן איבער די צדיקים תלמידי הבעל שם טוב הקדוש און מרן החת"ס זכותם יגן עלינו און טאג פון זייער יארצייט

היינט ז' שבט איז די יארצייט פון הרב הקדוש רבי דוד מלעלוב זי"ע

רבינו דוד ב"ר שלמה (ויש גירסא שלמה צבי, אבל רבינו חתם שמו רק דוד בן שלומה עם וי"ו) מיט זיין גרעסטער מעלה איז ער געווען באוויסט מיט זיין אויסערגעוועגליכער אהבת ישראל, מיט א מוראדיגער עניוות און פשטות דערביי, אזאך וואס כל גדולי הדור האבן פשוט מקנא געווען זיין התעלות און דערגרייכונג אין אט דער וויכטיגער מדה.

צדיקים פלעגן זאגן מיט חביבות אויף דעם ווארט לעלוב, ל"ו ל"ב ער האט א ריכטיג הארץ, סיי פארן בוכ"ע און סיי די ריכטיגע אהבה פאר א יעדן איד, (וואס מיר רופן צו ג-ט און צי לייט)

דער הייליגער תפארת שלמה ברענגט איבער דעם ענין פון זיין אהבת ישראל אז רבי דוד'ל האט אמאל געפרעגט ווי אזוי קענט איר זאגן אז איך האב אמת'ע אהבת ישראל, ווען איך האב נאך מער ליעב מיין אייגן קינד משה'לע (מיינענדיג זיין ממלא מקום הרה"ק רבי משה מלעלוב זי"ע)

און ענין נשגב איבער זיין ארבייטן אויף אט דער מדה פון אהבת ישראל ווערט פארציילט אזוי: אלץ אינגערמאן זייענדיג סמוך על שולחן חותנו פלעגט ער צו פראוון גרויסע סיגופים, ער פלעגט ברעכן דעם אייז ווי אלע צדיקים, זיך טובל זיין אינעם טייך אינמיטן די פרעסטיגע ווינטער פארטאגסן, אבער דאס ברעכן דעם אייז האט געהאט א שטערקערן באדייט ווי סתם ברעכן אייז, ער פלעגט ארויף צו גיין דעם בארג נעבן טייך און זיך אראפקוילערן פונעם שפיץ בארג (גלגול שלג אינאיינוועגס) און קומען צוגיין מיט אזא קראפט און אזוי געבראכן דעם אייז, זיין שוואר האט די

אלע זאכן נישט דערהויבן, און האט ער אים מער נישט אריינגעלאזט אין שטוב, אבער איינער פון די משרתים דארט, האט, זעט אויס, יא פארשטאנען אז דא רעדט זיך פון איש קדושו נישט סתם א צעדרייטער, און האט אים אריינגענומען כסדר דורך אן אונטער טיר. איינמאל האט דער משרת געפרעגט רבי דודל צי האט איר דען אזויפיל עבירות געטון אז איר מוזט מאכן אזאנא שרעקליכע סיגופים? האט ער אים געענטפערט מיט א פשטות.. חלילה וחס עבירות.. איך מאך נישט קיינע סיגופים פאר חטאים, נאר וואס זאל איך טון אז איך שפיר נאך נישט אין מיין הארץ די ריכטיגע אהבת ישראל!

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון רבינו רבי אלימלך מליזענסק, זי"ע און פונעם הייליגן חוזה מלובלין זי"ע

רבינו דוד איז שוין געווען מפורסם אין זיינע קינדער יארן פאר אן איש פלא און הייליג געשטאלט, ער איז געבוירן אינעם דערפעל ביאילא וואס איז אפאר קילאמעטער פון דעם שטעטעלע לעלוב, איבער זיין געבורט פארוואס זיין טאטע אן איש אמת ואיש פשוט א דארפס איד, האט זוכה געווען צו אט אזא הייליג קינד, איז פארהאנען אפאר גירסאות
די אנגענומענע גירסה איז אזוי:
ווען די צוויי הייליגע ברודער רבי אלימלך און רבי זושא זענען ווי באוויסט אין זייערע יונגע יארן געגאנגען גלות ליידן איבער די שטעטלעך און דערפלעך איבער פארשידענע לענדער, האבן זיי זיך דערוויסט פון אט דעם קינד דוד'ל, האבן געריכטעט זייערע טריט צו דעם שטעטעלע ביאלע אפיר צוזוכן דאס פלאדיגע קינד, אנקומענדיג אין דער שטוב ווי זיינע עלטערן האבן געוואוינט זענען זיי אריין אינוויינג, און ארים הייזקעלע איז דאס געווען, וואס האט געדוט אויף א טיפישן פוילש/אוקריינישן אויסזעין, א הילצערן כאטקעלע באדעקט מיט א שטרויען דעכעל, מיט שיינע רואיגע גרינע גראזלעך ארום, און אויסגעמאגערטע קי און דערזייט וואס ברימט פאר אביסל שטרוי צו קייען, און דערזייט איז דא עפעס א

שטיקעלע היימיש געמאכטער פאבריקעל ווי מען מאכט וויין א פרנסה'לע מיט וואס רבי שלמה טוט זיך פארנעמען צו שפייזן זיין משפחה מיט ענגשאפט, קומען אן די צוויי הייליגע שרפים צום טירל און קלאפן אן...

עס עפענט אויף א בחנ'טער זיס אינגעלע, דודול האט מען אים גערופן, די צוויי הייליגע ברודער בייגן זיך אן פאר דעם נידריגן דעכל און גייען אריין אין דעם הייזקעלע, דאס הויז איז ליידיג נאר דאס הייליגע אינגעלע דרייט זיך ארום דארט, פרעגן זיי אים וואו איז דער טאטע? זאגט ער דער טאטע איז אריין אין דער דערנעבנדיגער שטאט עפעס ערלעדיגן ענינים דארט, אזוי קניפענדיג דעם לויטער קינד'ס בעקעלע פרעגן זיי אים ווייטער וואו איז די מאמע? ענטפערט דאס קינד, די מאמע איז ארויס פון שטוב זי וועט שוין זיין צוריק..

די צוויי הייליגע ברודער האבן זיך אראפגעזעצט פירן א שמועס מיטן קינד און דערצווישן קומט די מוטער אריין..

די צוויי הייליגע ברודער טוען איר באגריסן, און ווענדן זיך צו איר מיט א פראגע, מיר זענען זייער פאראינטערעסירט צו וויסן וואס איז די הלוך ילך פון אייער חשובן מאן אפשר קענט איר אראפמאלן אביסל א טאג ווי אזוי עס קוקט אויס ביי אים, ווי פירט ער זיך במשא ומתן און ווי אזוי פירט ער זיךביים עסן און טרינקען, און פארציילט אונז עפעס אביסל מער איבער אים, אז ער האט געהאט די זכיה צו האבן אזא הייליג קינד.

זאגט זי זיי, הערט צו, איך וועל דעם אמת זאגן איך זעי נישט עפעס קיין ספעציעלע אויסטערלישע צדקות, פרישות, אדער קדושה, אלעס וואס ער טוט איז אויף א פשוטן אופן ווי א פיינער פשוטער איד, איך זעי נישט קיין חילוק צווישן מיין מאן און די אנדערע שכנים אונזערע דא אינעם דארף,

נאר איין זאך וואס איך באמערק אפשר איז אביסל אנדערש פון אלע אנדערע שכנים, פארציילט זי מיט איר תמימות, יעדע וואך ווען מיר עסן שלוש סעודות און עס קומט ביים זינגען דעם זמר בני היכלא.. ווען ער קומט אן צו דעם שטיקעל פון "ויזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות לשמה" הייבט ער אן שרעקליך צו וויינען און גייט אריין אין א מוראדיגער התלהבות און אזא דביקות ממש אז ער קלאפט דעם קאפ אין וואנט אריין, בעטענדיג אט די תפילה פונעם בוכ"א מיט א ריין הארץ, פארפירט און בעט זיך ביים אויבערשטן בתחנונים אז ער זאל אים שענקען א לעכטיג הייליג קינד, און ער וויינט אזוי לאנג ביז ממש אפיסת כח, ביז ער פאלט אוועק אין אנמאכט און חלשט אויף דער ערד, ביז, זאגט די מאמע, איך לויף צו און טו אים דערמינטערן און צוריק ברענגען.

ווען די הייליגע ברודער רבי אלימלך און רבי זושא האבן דאס דערהערט האבן זיי זיך אנגערופן, אט יעצט פארשטייען מיר שוין פארוואס עס קומט פאר א פשוטן תמימותדיגן דארפס איד אזא בן קדוש

א סיפור'ל איבער זיינע קינדער־יארן מופתימלעך

אמאל איז ער אריין ביי דער בעקערין פונעם דערפעל און געקויפט ביי איר א חלה צוויי, האט ער געזעין ווי זי טוט מעסטן די מעל פאר א טייגעל, האט ער איר א זאג געטון "איר זאלט מעסטן מיט א ברכה" און גלייך דערויף איז אריין א ברכה אין די מעל, ס'האט אנגעהויבן זיך מערן אזוי אז מען האט ממש געברויכט ברענגען נאך און נאך כלים, ביז עס איז שוין נישט געווען קיין כלים, און די ברכה האט נישט געהאט ווי חל צו זיין האט דאס אויפגעהערט זיך מערן, מאכט זיך ער איז דארט א צווייט מאל ביי דער בעקערין, בעט זי אים יונגעלע זיסער גיב מיר נאכאמאל א ברכה פאר מיינע מעל, האט ער געענטפערט מיט א פוילישן אויסדריק "איר מיינט אז יעדן טאג פאסירט עפעס ניסים?"

## פון וואנען די מעשה?

„יאיר“ האט געפרעגט וואס איז דער מקור פון דער צווייטער מעשה, און „בונעס איירעס“ האט געענטפערט:

יישר כח. במגדל דוד, בשם הרה"צ מו"ה אליעזר יהושע ז"ל אב"ד ראקוב.

קאווע שטיבל • 18טן יאנואר 2013

הומאר

# די געשיכטע מיטן קרבן פסח

„ויקחו להם איש שה לבית אבות“ – און „מן הכבשים ומן העזים תקחו“ (שמות יב, ג–ה). „דיכטער“ האט אין קאווע שטיבל, ערב פסח תשפ"ג, געשילדערט ר' יחיאל'ן אין ירושלים, וואס זוכט א שניי־ווייסן שעפסל פארן קרבן פסח – מיט א טעלעפאן אין דער האנט און מיט א פרישן איידעם.

פון **דיכטער** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • א שמייכל • „די געשיכטע מיטן קרבן פסח“ • 20סטן מערץ 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15980.html#p519120

זאג נאר, דו האסט נאך פון די גאנץ-ווייסע שעפסלעך? איך דארף דער קארואנע (וואס זענען בחזקת בלתי מורכב שוין פאר דורי דורות)

- איך האב נאך דריי שטיק דערפון אויפן וועג אהער, עס מוזן קומען נאך אפאר שעה וויל זיי גייען גלייך.

ווער קלינגט שוין ווייטער... יא?

- יא, ס'נאכאמאל איך, כ'גיי נישט אניאגן צו קומען נאך היינט, לייג מיך ביטע אוועק איינס, אקעי?

- כ'על פרובירן כ'קען נישט צוזאגן.

- פיין יישר כח. - ביי.

וואלווי, דו קענסט אפשר גיין צום בדלן אפנעמען מיין כבש? ער עט שוין וויסן וואס איך מיין, אקעי.

- טאטי, ער זאגט, ער האט נאר געבליבן די שווארץ-קעפיגע, אדער האט ער גאנץ-ווייסע אבער נישט מיט התאחדות, זיי זענען תמימים אבער ער האלט אז פאר דיך וואלט ער ענדערש געגעבן די אנדערע.

- האסטו געהערט? מיין טאטע האט קיינמאל נישט מוותר געווען אויף גאנץ-ווייסע שעפעליך, כ'מאך נישט אוועק קיינעם אבער ביי אונז האט מען געוויסט אז מען איז נישט מוותר אויף קיין קיצו של יוד, כ'גיי קלינגען בערל ער האט נאך זיכער איבער געגוג.

נאכן פרובירן בערעלן עטליכע מאל האט אונזער יחיאל באשלאסן אים צו פרובירן שפעטער און איז צוריק געגאנגען צו זיין סדר היום.

מ'קען מיינען ס'שוין ערב פסח, האט ער געטראכט צו זיך. ס'דאך נאך דא א גוטע האלבע וואך בעפאר דעם.

צוויי טעג שפעטער טרעפט ער בערעלן פונקט ארויסגעקומענדיג פון מקוה. אה בערל, כ'האב דיך אינזין געהאט צו פרעגן, דו האסט נאך פון די קארואנע שאף? איך דארף א שיין ווייס שעפסל. בערל האט געשאקלט זיין זעקל אומגעדולדיג קוקענדיג ארום און דאן שנעל אריין געשטעקט זיין לינקע האנט אינעם רעכטן ביזעם און ארויסגענומען דעם טעלעפאון און קוקענדיג אריין דערין רופט ער זיך אן, סארי, איך מוז לויפן, קום צו מיך אין געשעפט און כ'על זען וואס איך האב פאר דיר.

- טו מיך עס נישט, איך פארלאז מיך אויף דיך, שרייט ער צוריק, דערווייל וואס בערל לויפט ארויף די שטיגן מיט געאיילטער טריט.

דער טעלעפאון צעקלינגט זיך, מיט א סאטיספאקציע געבט ער א נעם אפיר דעם פאון. יא? הייבט ער אויף מיט אן ערנסטן טאון נאכן זען אז דאס איז הערשל, זיין פרישע איידעם, קוים פון אויוון ארויס.

כ'האב נאר געוואלט זיכער מאכן אז דער שווער האט מיך אין זין מיטן פסח (אין קורצן פאר קורבן פסח) איך בין מנוי מיטן שווער'ס קורבן, יא?

- יא יא, זייער גוט, איך האב דיך אין זין, ש'כח פארן זיכער מאכן

- א גרויסן ש'כח שווער, בשורות טובות.

- ביי.

עטוואס נערוועז רוקט זיך אונזער ר' יחיאל אן צו דעם פלאץ וואו די שאף ווערט פארקויפט. דאס פלאץ שמעקט אן ערב-פסח'יגן שמעק. די שעפעליך מע'רן ארום און קייען די גראזן און שטרוי מיט א רואיגקייט.

ער קוקט ארום, בערל איז נישט דארט. ער טרעפט דארט ארבעטן עפעס א פרעמדן אינגערמאן, איינער וואס קוקט אים אויס היפש פארלוירן. זאג נאר, וואו איז בערל? - ער איז יעצט אוועק געגאנגען, ער דארף זיין צוריק נאך עטליכע מינוט.

נאכן ווארטן עטליכע מינוט מיט א שמוץ אריבער, זייענדיג פאר'עקשנ'ט אז נאר בערל וועט כאפן וואס איך דארף, האט ער באשלאסן אוועק צו גיין און צוריק צו קומען אין אן אנדערע געלעגנהייט. די געלעגנהייט האט געשפעטיגט צו קומען.

ערב פסח גלייך נאכן דאווענען האט ער זיך ארומגעדרייט ווילד און נערוועז. אלעס ארום אים ווירבלט, יעדער איז פארנומען מיט

די לעצטע הכנות פאר יו"ט און מיטן מבער זיין דעם חמץ פאר סוף זמן ביאור חמץ, אבער קיינער איז נישט מיט אים. ער דרייט זיך ארום און זיכט א שפעס. ער האט מחליט געווען אז ער וועט שוין מוזן מוותר זיין אויף שתי שערות (פאר די וואס וויסן נישט ווי וויט פרומקייט גייט: עס איז דא א חומרא צו האבן א שעפסל וואס האט אפילו נישט קיין צוויי האר וואס איז נישט גענצליך ווייס. עס הייסט אז די פריערדיגע האבן שוין זייער מקפיד געווען דעראויף...) אבער אבי א קארואנע. עס גייט אדורך נאך א שטיק צייט. ער מוז אהיים לויפן פארברענען דעם חמץ. ער טרעפט זיין איידעם וואס איז סתם אזוי בדרך אגב נייגעריג וועלכע שעפסל ער האט זיך איינגעהאנדלט און ער ענטפערט נאך מיט א שטארקייט אז ער איז פון אייביג אן מקפיד אויף שניי-ווייסע קארואנע.

גלייך נאכן פארברענען דעם חמץ לופט ער ארויס צום מארק, דערוייל וואס אין שטוב נעמט מען זיך באקן פרישע ערב פסח מצות (געענדיגט מיט די היימישע חבורות). דער זייגער קישט שוין אט אט חצות און אונזער ר' יחיאל האט נאך נישט קיין שעפסל. ער גייט ארום פון איין יריד צום צווייטן, אלעס איז געגאנגען, עס איז שוין גארנישט געבליבן. ער הייבט אן צו ווערן אנגעצויגן, וואס טו איך דא?

די שטאט ווערט איינגעהילט אין א יו"ט'דיגער אטמאספער. מאסן מענטשן שטראמען צום הר הבית מיטן שעפסל אויפן אקסל. אינעם פראכטיגן הויז פון ג-ט הערן זיך שוין די הימלישע, גייסטפולע געזאנגען פון די לוויים. א גייסט פון דאנק און ליבע צו ג-ט שפירט זיך אין די לופטן, עס זינגט זיך דאס הארץ ארויס א ספאנטאנישן הלל, די געמוטע זענען אויף, די געפילן זענען הויך.

דרייט זיך אונזער ר' יחיאל מיט שווערע טריט ארום און ארום די יעצט-שוין ליידיגע געסעליך און קוקט ארום מיט א ווילדקייט אויף אלע זייטן, וואס טו איך? עס ווערט שוין שפעט!

מיט א שווער הארץ באשליסט ער אז ער גייט טון וואס ער דארף, אפגעזען צי עס איז אים באקוועם אדער נישט.

ער קלינגט אן זיין איידעם און זאגט אים, - הערשל, -יא? יא, ס'דא א שטיקל פראבלעם, איך האב נישט קיין שעפסל פארן קורבן פסח... - וואס? נישט דא קיין כבש? געבט הערשל א שריי אויס מיט פארלוירנקייט, וואס הייסט? האסט דאך גאזא... - לאנג סטארי שארט, רופט זיך יחיאל אן, דער קורבן איז נישט דא. מיט דער חגיגה איז מען מסודר אבער כ'האנישט קיין שעפס.

- שווער, איך גיי פרובירן שנעל צו ערלעדיגן עפעס א שעפס, וואו איז דער שווער יעצט? - איך בין... נישט קיין נפקא מינא וואו איך בין אויפן מינוט, דו פראביר עפעס צו ערלעדיגן און איך וועל פרובירן זען וואס איך קען טון און אונז עמער זיין בקשר מיט עני אפדעיט.

- אקעי. הצלחה.

נאך אן עטליכע מינוט צעקלינגט זיך דער טעלעפאון. - שווער איך האב ערלעדיגט א שעפס! וואו איז דער שווער? - איך בין דא כרגע... - וואו דא? - איך קום אהיים, כ'על זיין אין דערהיים נאך עטליכע מינוט. -אקעי איך האב געברענגט א שעפסל ס'איז ביים שווער אין גארטן.

- אקעי א גרויסן ש'כח.

- ר' יחיאל נעמט צוזאם זיינע כוחות און לויפט אהיים מיט איין אטעם. די זון נייגט שוין צו מערב זייט און א קילע נאכמיטאג לופט בלאזט אריין אין זיין פנים. ער קומט אהיים אן ערשעפטע, לויפט צום גארטן געבט א כאפ אן דעם קורבן און מיט איין אטעם לויפט אריבער צום בית המקדש. ער לויפט קעגן דעם שטראם פון מענטשן וואס קומען אים אנקעגן מיט א רואיגקייט, האלטענדיג זייערע אפגעשינדעטע קורבן גרייט צו דער צליה. ער לויפט מיט אן איילענדע יאגעניש ביז ער קומט אן צום בארג. בליץ שנעל טוט ער זיך אויס די שיך, לאזט איבער זיינע חפצים אינעם לאקער און לויפט ארויף די שטיגן.

די כוהנים זענען זיך שוין מערסטענס צעגאנגען, ער באמערקט, מאיר, דער חצות-מנין כהן, שטיין ביים זייט. ער לויפט צו צו אים מיט האפענונג, - אה מאיר, דו קענסט מיך נאך ערלעדיגן מיין קורבן? מאיר, א איד מיט א הארץ פון זיידן, קומט צו נענטער צו אים, קוקט אויפן קורבן און דאן קוקט אריין אין זיינע אויגן און דאן צוריק אויפן קורבן. יחיאל געבט א קוק אויף דער בהמה וואס ער האט דא מיט געשלעפט און זעט פאר זיך, א פעך-שווארצע, מאגערע ציג, לעקענדיג זיין נאז מיט זיין רויזע צינגל.

"זאל זיין אזוי", הערט ער מאיר'ס קול.

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 14טן יאנואר, אין פריערדיגע יארן? אין וועלכער שפראך רש"י האט געשריבן זיינע „לעזים“, און א בליק אויף די ווערטער „גשמיות“ און „רוחניות“.

12

יאר צוריק

2015

## די שפראך פון רש"י'ס לעזים

**קרעמער1** • קאווע שטיבל • שפראך און גראמאטיק • 14טן יאנואר 2015

די שפראך אין וועלכע רש"י האט געשריבן די בלע"ז'ן ווערט פאררעכנט ביי לינגוויסטן אלס א באזונדערע שפראך גערופן ארגינעל צרפתית (Zarphatic, ארויסגעזאגט צארפאתיש אין אידיש) וועלכע האט געבליט אינעם עלפטן יאר-הונדערט ביי די אידן אין פראנקרייך און אין מערב דייטשלאנד.
עס איז איינע פון די פילע שפראכן וואס די אידן האבן אנטוויקלט אין לויף פון די יארן, מיט אידיש און לאדינאו אלס די גרעסטע און מערסט פארשפרייטע. די גרעסטע מערהייט פון זיי זענען שוין נישט אינעם טאג-טעגליכן באנוץ.

עס איז א געמיש פון הויעך פראנצויזיש, לשה"ק, און הויעך דייטש. דאס פארענטפערט די דייטשע ווערטער אין לעזי רש"י, וואס איז נישט ווייל רש"י האט געקענט דויטש נאר ער האט געשריבן אין זיין שפראך צארפאתיש פאר די ארטיגע אידן.
טייל ווילן זאגן אז אונזער אידיש וואס רוב אשכנזים האבן שפעטער גערעדט, האט זיך אנטוויקלט פון אט דעם פראנצויזישן אידיש. (ולא נראה לי, ואכמ"ל).

אן אנדערער באקאנטער גדול וואס האט גערעדט און געשריבן אין דער שפראך איז רבי משה הדרשן פון וועמען רש"י ברענגט אראפ זיינע דרושים 21 מאל אין זיין פירוש - ניינצן דערפון אין זיין ערקלערונג אויף דער תורה.

איך וויל אפגעבן א פערזענליכן דאנק פאר רבי בערל פאר אייערע ערקלערונגען וואס איר שרייבט דא אויף די לעזים אין רש"י.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7751.html

**14**
יאר צוריק
2013

# גשמיות און רוחניות – פון וועלכן קוק־ווינקל?

**לולקע-ציבעך** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 14טן יאנואר 2013

פאראן ביי אונז צוויי באקאנטע מושגים, וואס זענען אויבנאויף גרינג צו פארשטיין, אבער למעשה טראגן זיי א פיל טיפערן באדייט ווי דער פשוט'ער טייטש. די צוויי ווערטער זענען, "גשמיות" און "רוחניות". גשמיות מיינט, ערדישע, פארגרעבטע, מאטעריאליסטישע זאכן; רוחניות, פון דער אנדערער זייט, רעדט פון גייסטיגס, "העכערס", דערהויבנס.

אויבנאויף זעט אויס אז די צוויי ווערטער זענען זייער פשוט און קלאר צו פארשטיין, און ס'איז נישטא וואס מוסיף צו זיין. למעשה אבער קען מען אפילו וועגן דעם פשוט'ן טייטש פון די ווערטער א סך זאגן. לאמיר אנהייבן טאקע מיט דעם פשוט'ן טייטש פון די ווערטער. וואס זענען זיי טייטש, גשמיות און רוחניות? אין פריערדיגן פאראגראף האב איך געגעבן א פשוט'ן טייטש פאר די ווערטער. אבער אפילו דער טייטש איז זייער לופטיג און כללית'דיג. אויב כ'וואלט זיך געשטעלט מאלן א בילד פון "ערדיש-פארגרעבט-מאטעריאליסטיש", וויאזוי וואלט עס אויסגעזען? פון רוחניות איז דאך אפגערעדט. רוחניות קען מען דאך נישט אנטאפן מיט די הענט, שוין אפגערעדט פון מגדיר זיין.

דער ענטפער איז אז גשמיות און רוחניות האבן טאקע נישט קיין פשוט'ן טייטש. עס ווענדט זיך שטארק פון וועלכן קוק-ווינקל, פון וועלכן פערספעקטיוו, מען קוקט. לאמיר דאס אילוסטרירן מיט א פשוט'ן ביישפיל: לופט - דאס מאטעריאל מיט וואס די גאנצע וועלט איז אנגעפילט און וואס האלט אונז אלע ביים לעבן. איז לופט רוחני אדער גשמי? איז אזוי: לופט איז זיכער מער דקות'דיג ווי ערד און שטיינער. זי איז אבער מאטעריאליסטיש, "געדעכט", אנטאפעוודיג, לגבי פוסט חלל, פשוט ליידיג פלאץ, וואס האט אין זיך אפילו קיין לופט אויך נישט. דער חלל אין די הויכע רוימען, אין ספעיס, האט קיין לופט אויך נישט. א מענטש קען דארט נישט אטעמען. אפילו רעדן צווישן זיך קען מען נישט. קול טראגט זיך דורך לופט. אז ס'איז נישטא קיין לופט, קען מען גארנישט הערן. אן אסטראנאט אין ספעיס קען זיך אויסגארגלען אויף די העכסטע טענער; אן טעכנאלאגישער הילף וועט אים קיינער אבער נישט הערן. אפילו ער זעלבסט וועט נישט זוכה זיין צו הערן די אייגענע שטימע.

קעגן ערד, איז לופט רוחניות'דיג. ערד איז אבער אויך נישט דווקא גשמי. ערד איז זיכער איידעלער ווי מאראסט אדער צעמענט. ערד איז נאטירליך. מען ניצט איר אלס שם הכולל פאר "נאטור": מוטער-ערד. ערד, ובכן, איז פארגרעבט לגבי לופט. לגבי זאכן וואס זענען נאך מער מגושם, איז ערד ריין, אפשר אפילו דערהויבן.

דאס זעלבע, חלל, ליידיג פלאץ, איז אויך נישט דווקא רוחני. קעגן לופט איז חלל דין און איידל. אבער חלל איז אויך נישט טרוקן פון גשמיות. די היינטצייטיגע וויסנשאפט ווייסט אז אפילו ליידיג פלאץ ווירבלט מיט אקטיוויטעטן אויף א מיקראסקאפישן שטאפל. עס וויברירן דארט אטאמס און סובאטאמישע זאכן אויף א ריזיגן פארנעם!

אפילו מלאכים, שרפים, הימל, "יענע וועלט", עולמות עליונים - די אלע ווערטער און באגריפן וואס מיר האבן, מחמת קוצר השגה, ארייגעשטעלט אין א שם הכולל "רוחניות", זענען אויך נאר רוחני פון אונזער ערדיש-מענטשליכן פערספעקטיוו. מען קען באקוועם זאגן אז פון אן עולם אצילות פערספעקטיוו איז עולם הבריאה גראב, געמיין, פארגרעבט, אז - פע...

לסיכום, "גשמיות-רוחניות" זענען תלוי אין דער מדריגת השגה פונעם רעדער און צוהערער.

דאס איז א כמו-הקדמה פאר מען הייבט אן רעדן פון גשמיות און רוחניות בכלל. ווען מיר געפינען אין חסיד'ישע ספרים אזעלכע זאכן ווי "הפשטת הגשמיות" און אנדערע מושגים פון דער משפחה, דארף מען פארשטיין אז דאס אלעס איז געזאגט געווארן פאר יעדן מענטש, אויף יעדער מדריגה, אין יעדן מצב. איבעראל איז פאראן גשמיות און רוחניות, און אייביג קען דאס רוחניות "ארויסגעקראצט", אויסגעטאן ווערן, ווערן פונעם גשמיות. אייביג און איבעראל וועלן אין יעדער זאך זיין ביידע קעגנגעזעצטע זאכן: גשמיות און רוחניות. ביידע קענען באטראכט ווערן ווי אבסטראקטע באגריפן - מושגים מופשטים - וואס קענען חל זיין אויף יעדער זאך, אויף יעדן מצב. עס וועט זיך אייביג ווענדן אין דער השגה פונעם יחיד.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2743.html

לוח • נייער קאלום

# יארצייטן פון דער וואך

ו'–י"ב שבט. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2004), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי היי־יאר. פאר י"א שבט האט די רשימה נישט קיין נעמען.

פון **כינר1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 26סטן יאנואר און 2טן פעברואר 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6499498

### דאנערשטאג, ו' שבט • 14טן יאנואר

- הרה"ק ר' יצחק מקאליש ב"ר אהרן אריה הגדול מפרמישלאן זי"ע • ת"ר
- הגאון ר' יום טוב ליפמן ב"ר ישראל זצ"ל (בעמח"ס עונג יום טוב) • תרל"ט
- הגאון ר' דוד ב"ר שמואל מועטי זצ"ל (בעמח"ס קדשי דוד) • תרמ"ב
- הרה"ק ר' חיים צבי ב"ר חנניא יו"ט ליפא טייטלבוים זי"ע אב"ד סיגוט (בעמח"ס עצי חיים) • תרפ"ו
- הגאון ר' גדליה הרץ זצ"ל ראש ישיבת חידושי הרי"ם בתל אביב • תשל"ח
- הרה"ק ר' דוד יצחק אייזיק ב"ר ברוך פנחס רבינוביץ מסקאליא ניו יארק זי"ע • תשל"ט

### פרייטאג, ז' שבט • 15טן יאנואר

- הרה"ק ר' ישראל חריף מסטאנוב ב"ר שלמה, תלמיד הבעש"ט זי"ע (בעמח"ס תפארת ישראל)
- הרה"ק ר' דוד מלעלוב ב"ר שלמה זי"ע • תקע"ד
- הרה"ק ר' נתן דוד מפארצובא ב"ר יעקב יצחק מביאלא זי"ע (בעמח"ס ואלה הדברים שנאמרו לדוד) • תק"צ
- הרה"ק ר' מרדכי דוד מדאמבראווא ב"ר צבי הירש אונגר זי"ע • תר"ז
- הרה"ק ר' חיים זעליג משרענצק (תלמיד החווזה) ב"ר יחיאל מיכל זי"ע (בעמח"ס ניצוצי זהר) • תר"ז
- הגאון ר' יצחק אהרן ב"ר מרדכי זאב הלוי סג"ל איטינגא זצ"ל (בעמח"ס שו"ת מהרי"א הלוי) • תרנ"א
- הגאון ר' מרדכי דוד ב"ר ברוך לוין זצ"ל ראש ישיבת עץ חיים בירושלים (בעמח"ס דרכי דוד) • תשכ"ז

### שבת קודש, ח' שבט • 16טן יאנואר

- הרה"ק ר' יוסף מאיר מספינקא ירושלים ב"ר צבי כהנא זי"ע • תשל"ח

### זונטאג, ט' שבט • 17טן יאנואר

- רבנו ניסים ב"ר ראובן גירונדי זצ"ל (בעמח"ס חידושי הר"ן ושו"ת הר"ן) • קל"ו
- הגאון ר' יהוסף ב"ר מנחם שווארץ זצ"ל (בעמח"ס תבואת הארץ) • תרכ"ה
- הגאון ר' יעקב ב"ר יצחק מרדכי קטינא זצ"ל (רחמי האב) • תר"נ
- הגאון ר' נחום אבא ב"ר אהרן זאב גרוסברד זצ"ל • תשנ"ג

### מאנטאג, י' שבט • 18טן יאנואר

- הרה"ק ר' מאיר קצנלנבוגן מפדאווא ב"ר יצחק זי"ע (המהר"ם פדאווא) • שכ"ה
- הרה"ק ר' שלום מזרחי דידיע שרעבי זי"ע (בעמח"ס סידור הרש"ש) • תקל"ז
- הרה"ק ר' שלמה מלוצק ב"ר אברהם זי"ע (בעמח"ס דברת שלמה) • תקע"ג
- הגאון ר' יששכר שלמה ב"ר יצחק טייכטל זצ"ל הי"ד אב"ד פישטיאן (בעמח"ס שו"ת משנה שכיר) • תש"ה
- הרה"ק ר' יוסף יצחק ב"ר שלום דובער מליובאוויטש זי"ע (הריי"ץ) • תש"י
- הגאון ר' יצחק אייזיק ב"ר יוסף חיים שר זצ"ל ראש ישיבת סלבודקה • תשי"ב
- הגאון ר' רחמים חי חויתה ב"ר חנינא הכהן (מוהרח"ך) זצ"ל ראב"ד ג'רבא (בעמח"ס מנחת כהן, ושמחת כהן ועוד) • תשי"ט

### מיטוואך, י"ב שבט • 20סטן יאנואר

- הגאון ר' צבי אריה ב"ר יצחק שיק זצ"ל אב"ד שארוואר – לוס אנג'לס

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

וואס האט משה נישט פארשטאנען ביי דער לבנה, א איד וואס שפרינגט ביי קידוש לבנה העכער ווי מען דארף, און די איינציגע אידישע „פיעסע" פון בית שני – אויף יציאת מצרים.

## „בזה ראה וקדש" — אין לך בו אלא חידושו

**משה געציל:**

מיר ווייסן דאך אז די אומה"ע ציילן זייער יאר לויט דער זון, משא"כ כלל ישראל ציילט לויטן לבנה. בעת וואס די זון לייכט א יעדן טאג מיט דער זעלבער שטארקייט טוט דער לבנה זיך טוישן במשכ'ן חודש, ווען ער קומט אן צום שטערקסטן שטאפל פאנגט ער אן קלענער ווערן, ביז ווען ער קומט אן צום קלענסטן שטאפל וואס פון דארט ווערט ער גרעסער.

דער שפת אמת איז מסביר אז די סיבה פארוואס כלל ישראל ציילט לויט דער לבנה איז וויבאלד כלל ישראל האט אין זיך אויף דעם כח החידוש, דער באשעפער האט געזאגט פאר משה אז פונקט ווי דער לבנה איז זיך מחדש א יעדן חודש מיט דער זעלבער התחדשות און פרישקייט וואס זי האט געהאט ווען זי איז באשאפן געווארן אזוי אויך דארף כלל ישראל זיך מחדש זיין מיט פרישע כוחות א יעדע צייט. נישט טון די מצוה כמצות אנשים מלמודה נאר זיך שטארקן א יעדן טאג כביום נתינתה בסיני.

רש"י ברענגט פון חז"ל, "נתקשה משה על מולד הלבנה, באיזה שיעור תראה ותהיה ראויה לקדש, והראה לו באצבע את הלבנה ברקיע, ואמר לו, כזה ראה וקדש", עד כאן לשונו.

לויט דעם שפת אמת קען מען אפשר פארשטיין וואס משה האט געבאדערט און וואס דער באשעפער האט אים געענטפערט:
"נתקשה משה על מולד הלבנה" וואס פאר א חידוש געשענט דא אין דעם לבנה וואס זאל אונז געבן א לימוד, דער לבנה איז דאך גארנישט מוסיף פון וואס ער איז געווען ארגינעל? "באיזה שיעור תראה ותהא ראויה לקדש" אפילו ווען דער לבנה איז ביים העכסטן שטאפל וואס דאס איז אינמיטן חודש איז דאך עס אויך נישט גרעסער געווארן בפועל?

"והראה לו באצבע וכו' ואמר לו כזה ראה וקדש" דער קידוש איז דייקא ווען די לבנה איז ביים קלענסטן שטאפל און ער פאנגט אן מיט א פרישקייט צוריק צו וואקסן! דער קידוש איז נישט אויף קיין שום נייע זאך וואס עס איז דא צוגעקומען. "כזה ראה וקדש" דאס וואס דו זעסט דאס איז דער גאנצע לבנה עס קומט נישט גארנישט צו.

"כזה ראה וקדש" האסט א תורה שלימה און דאס איז עס! עס פעלט זיך נישט אויס קיין נייע מצות! "אין לך בו אלא חידושו" דיין לימוד פון דעם לבנה איז דעם חלק החידוש אז ער איז זיך מתחדש מיט אקוראט דער זעלבער פרישקייט צום זעלבן שטאפל אן קיין שום הוספות!

**ברסלבער:**

להוסיף נופך והסבר:
מען קען זיך מחדש זיין אפילו ווען מיין לבנה איז נאכנישט במילואה, עס איז נאר א נקודה קטנה,
דאס מיינט אז אפילו ווען איך בין נאכנישט אויסגעארבעט צו היטן די גאנצע תורה במילואה, אבער איך האב עטליכע נקודות קטנות וואס איך האלט יא איין, און איך האף און פרוביר אז ביז סוף חודש וועל איך שוין ווערן פיל אינגאנצן, קען איך מיר מיט דעם אויך זיך מחדש זיין.

קאווע שטיבל • „תורה און מחשבה" • 13טן–14טן יאנואר 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2735.html#p79699

## א שפרינג ביי קידוש לבנה

**גראף:**

אז מען רעדט שוין פון קידוש לבנה, דערמאן איך זיך א מאנאטליכן עפיזאד וואס איך טו בייוואוינען יעדן קידוש לבנה.

ביי אונז אין שול איז דא א אידל וואס ווען ער קומט אן צו די ווערטער: כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך וכו', איז ער נישט צופרידן מיט א קליינעם טאנצל אונטער אזוי ווי דער סידור פארלאנגט, נאר ער געט א שפרינג אויף ארויף מלא קומתו, און מיט דער האנט פרובירט ער צו גיין נאך העכער (אזוי ווי די סטאטוע פון פרייהייט).

איין מאל (גראדע איז עס געווען חודש אדר) האב איך זיך ערלויבט און אים געפרעגט: ערעב איד, כ'פארשטיי אייך נישט, פארוואס שפרינגט איר אזוי?

דער איד האט מיר אזוי תמימות'דיג אפגעענטפערט: הערט אויס, איך בין זייער מקפיד נישט צו זאגן קיין ליגן, וויל איך צורעשט טאקע אויספרובירן אויב עס איז אמת דאס וואס איך גיי דא זאגן... איך בין נתפעל געווען פון דעם איד'ס אמת'דיגקייט און תמימות! ער ציטערט אז פון פאריגן מאנאט ביז היינט איז ער שוין אזויפיל געוואקסן אזש ווען ער וועט א שפרינג טאן וועט ער גאר קענען די לבנה אנרירן!

וויאזוי זאגט יענער? די מעשה וואלט געקענט פאסירן.

הײדפארק • „היימישע קרעטשמע“ • 10טן מאי 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1912789.html#p18159054

## „יציאת מצרים“ — א פיעסע פון בית שני

**פריש וואסער:**

די יוונים און די רוימער זענען געווען באקאנט מיט זייערע שפילן און דראמאס, געשריבענע און געשפילטע.
א קליין חלק פון די שפילן זיינען איבערגעבליבן, פאר אונזער דור צו שטודירן.

צי זיינען די אידן בזמנם (תקופת בית שני) אויך געווען מעורב אין די שפילערייען? צי זיינען דא אידישע "פלעיס" פון ימי חז"ל?

נאר איין אידישער דראמאטיקער איז באקאנט (אדער נישט באקאנט), דאס איז יחזקאל דער דראמאטיקער, ער האט געלעבט בערך א הונדערט יאר פארן חורבן בית שני, און איבער אים איז כמעט קיין ידיעות נישט פארהאנען.

די איינציגסטע שפיל זיינע וועלכע האט איבערגעלעבט די יארן עד דורינו, איז זיין מחזה "יציאת מצרים" .Exagoge

עס גיבט אונז א שטיקל בליק וויאזוי א איד פון זמן בית שני (א פרושי אדער מתיווני?) האט אנגעקוקט יציאת מצרים. אסאך אסאך קאן מען זיך לערנען פון זיינע ווערטער. [פארקירצט]

**פריש וואסער:**

די אריגינעלע שפראך איז אין יווניש, די לינגוא פראנקע פון יענע דורות.
ירושלים איז דאמאלס געווען פול מיט סטעדיעמס און טיאטערס, א חלק דערפון האט הורדוס געבויט און א חלק אנדערע.
אבער מיר האבן נישט קיין קלארע באוויזן אז די שפיל "יציאת מצרים" איז בכלל אמאל געשפילט געווארן. [פארקירצט]

קאווע שטיבל • „היסטאריע“ • 8טן–10טן אפריל 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10348.html#p328315

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

„או אינו“ האט אין קאווע שטיבל געפרעגט: ווי וואלט אונזער אמונה אויסגעזען, ווען מען וואלט יציאת מצרים און מתן תורה געהאט אויפגענומען אויף ווידעא? „חסיד פון ליטא“ האט געמיינט אז יציאת מצרים געהערט אויף אינסטעגרעם, און „קאצקע ציקער“ – אז דארט וואלט עס פארמעקט געווארן נאך 24 שעה. „שבת אחים“ האט געענטפערט:

מען וואלט דאך געקענט זאגן אז ס'איז "fake news". ס'איז נישט קיין אמתע ווידעא. קוק וויפל מענטשן לייקענען דעם האליקאוסט. ס'פעלט ווידעאס פון דעם האליקאוסט? געוועינטליכע מענטשן גלייבן נישט אדער יא ווען דו וועסט זיי וויזן הארטע פראוף. רוב מענטשן גלייבן וואס זיי ווילן גלייבן. קענסט ברענגען פראוף ביז מארגן. זיי גלייבן וואס ס'לוינט זיך זיי און וויאזוי זיי זענען געוועינטליך אויפגעוואקסן.

דאס איז די הארטע מציאות. מיט דעם אלעמען ס'איז א שיינער געדאנק. כ'וואלט זיכער געקענט ביישטיין צוזען א קליפ און זען וואספארא קאליר בעקיטשע משה רבינו איז געגאנגען. אויב ער איז געגאנגען מיט א בעקיטשע. אפשר האט ער אויסגעקוקט ווי דער חפץ חיים זצ"ל אדער אזויווי דער באבא סאלי? אדער ווי די חבדסקר? אין די קאלירינג ביכלעך אלץ קינד אין חדר פון הרב קנאפפלער קוקט משה רבינו אויס ווי ר' יואליש פון סאטמאר זצ"ל. מ'קען נישט וויסן.

**שבת אחים** • קאווע שטיבל • 21סטן מערץ 2018

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12176.html

**מקורות**

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „„ויקרא למשה ולאהרן לילה“ – צוויי עמאנציפאציעס“ · **קאך_לעפל**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „דער אינטערשיד פון די עמאנציפאציע אין עגיפטן און פון אמעריקע“ · 20סטן פעברואר 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13594.html#p443213 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „„חודש“ אדער „ירח“? הינט וואס בילן נישט, און „מי ומי ההולכים““ · **אבזרווירער, קרעמער, mates1, גראף און משהוואלף**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „פרשת בא“ · 29סטן יאנואר – 5טן פעברואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1784887.html#p-1784887 |
| **הלכה־שמועס** | „רבינו תם'ס תפילין – א חיוב, א מנהג, אדער א חומרא וואס ווערט א קולא?“ · **זר זהב, דולה ומשקה, איחוד פעלד, ליטוואק פון בודאפעסט און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „תפילין דר"ת“ · 11טן יולי 2012 – 21סטן אויגוסט 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1057.html#p23251 |
| **תורה און וויסנשאפט** | „וואס איז דאס חמץ? א כעמישע מציאות אדער א לומד'ישער דין“ · **היימישער ליטוואק, יידל, בדחן, יאיר און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „וואס איז דאס חמץ?“ · 6טן–13טן מערץ 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3137.html#p93916 |
| **אנשי שם • צו ז' שבט** | „רבי דוד פון לעלוב – „איך שפיר נאך נישט די ריכטיגע אהבת ישראל““ · **בונעס איירעס**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „היינט איז די יארצייט פון רבי...זי"ע אביסל תולדות און א סיפור“ · 17טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2759.html#p80671 |
| **הומאר** | „די געשיכטע מיטן קרבן פסח“ · **דיכטער**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „די געשיכטע מיטן קרבן פסח“ · 20סטן מערץ 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15980.html#p519120 |
| **היינט מיט 12 יאר צוריק** | „די שפראך פון רש"י'ס לעזים“ · **קרעמער1** · קאווע שטיבל · שפראך און גראמאטיק · 14טן יאנואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7751.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „גשמיות און רוחניות – פון וועלכן קוק־ווינקל?“ · **לולקע-ציבעך** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 14טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2743.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 26סטן יאנואר און 2טן פעברואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6499498 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„כזה ראה וקדש“ – אין לך בו אלא חידושו“ · **משה געציל / ברסלבער** · קאווע שטיבל · „תורה און מחשבה“ · 13טן–14טן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2735.html#p79699 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א שפרינג ביי קידוש לבנה“ · **גראף** · היידפארק · „היימישע קרעטשמע“ · 10טן מאי 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1912789.html#p18159054 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„יציאת מצרים“ – א פיעסע פון בית שני“ · **פריש וואסער** · קאווע שטיבל · „היסטאריע“ · 8טן–10טן אפריל 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10348.html#p328315 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **שבת אחים** · קאווע שטיבל · 21סטן מערץ 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12176.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 18טן יאנואר – נומער 26; דאנערשטאג, דעם 21סטן יאנואר – נומער 27, אויף פרשת בשלח.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.